זז׳, פֿון ביבליאָטהעק „דאָס לעבען״, צווישן זיי: יודיש — ר׳ס 8 דערציילונגען (דאָס אַלטע בית־מדרש, לייבקע וואַטענמאַכער, איטשעס תּלמיד א״אַ); אין דער פֿרעמד — 8 דערציילונגען פֿון גאָרקי, טשעכאָוו א״אַ, איבערגעז׳ פֿון ר׳ און ישעיהו לערנער; אין קאַליפֿאָרניע — דערציילונגען פֿון ברעטהאַרט, איבערגעז׳ פֿון ר׳. 1905 אַרויסגעגעבן די דערציילונג די שלעכטע בשורה (אָדעס, די ביהן). אויף העבר׳ פֿאַרעפֿנטלעכט, אויסער אַנדערע זאַכן, אַ סך מאַטעריאַלן וועגן די פּאָגראָמען אין אוקראַאינע און פּאָדאָליע און 1917־1921 א״ט מגילת הטבח (ת״א, תּרפ״ז־תּרצ״א). פֿון זײַנע פּאָגראָם־אַרבעטן איז אויף ייִדיש געדרוקט נאָר טעטיעווער חורבן (אויפֿבוי, נ״י, 1922). איבערגעז׳ לעבינס נאַציאָנאַלע און אידישע פֿראַגע (מאָסקווע, 1921), פּאָקראָווסקיס רוסישע געשיכטע א״אַ. פֿאַרטראָטן אין

Helena Frank, Yiddish tales. Philadelphia, 1912.

אין כּתב־יד געבליבן איבערדיכטונג פֿון תּהלים און קהלת, אַ גרויסע כרעסטאָמאַטיע, דערציילונגען.

ז. רייזען, 4; ג. קרסל, 2; י. פֿיכמאַן, רעגנבויגן. ב״אַ, 1953. זז׳ 79־84; ישורין־אַרכיוו, ייִוואָ.

**ראָזענטאַל, אַליעזר־דוד** — (כאָטין, בעסאַראַביע, יוני 23, 1856 — אַדעס, 1932) — געלערנט אין חדרים און שפּעטער אין בית־מדרש פֿאַר זיך. 1861 אַריבער מיט משפּחה קיין טעלענעשט, בעסאַראַביע. אַ. מאַפּוס „עיט צבוע״ האָט אים געבראַכט צו דער השכּלה. אַליין זיך אויסגעלערנט רוסיש און דײַטש. אַ לענגערע צײַט געלעבט אין בעלץ, בעסאַראַביע. 1918־1919 לערער אין דער ייִדישער גימנאַזיע אין טעפּליק, פּאָדאָליע. געלעבט שפּעטער אין אַדעס אין גרויס נויט. — ר׳ איז בעיקר אַ העברעאישער שריפֿטשטעלער. ייִדיש געשריבן זייער ווייניק און מיט גרויסע הפֿסקות. דעביוטירט מיט אַ דערציילונג אין מ. ספּעקטאָרס הויז־פֿרײַנד. שפּעטער פֿאַרעפֿנטלעכט דערציילונגען אין יוד, דאָס לעבען (ד״ה פֿרײַנד), מאָמענט און אַ ריי פּעליעטאָנען א״ט בריף פֿון אַ נע־ווניק אין אַדעסער אונזער לעבען. 1904 איז אונטער ר׳ס רעדאַקציע אַרויס אַ סעריע פֿון 5 ביכער, צו 96